NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06018

FELDER UN ZANGEN

M. Bogdanski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. באָגדאַנסקי

פעלדער
און
זאַנגען

קינדער לידער

פאַרלאַג ארבעטער וועלט — שיקאַגאָ
1937.

ALL RIGHTS RESERVED.

די קינדער
פון דער אידישער שול
— אַ מתנה.

אַנדערע ביכער פון זעלבן מחבר:

אונטער אַמעריקאַנער הימלען
(ערשטער באַנד)

אריין אין דרוק:
אונטער אַמעריקאַנער הימלען
(צווייטער באַנד)

F. M.

צעאַקערטע פעלדער

צעאַקערטע פעלדער
ציען זיך ווייט
אין שוואַרצע, צעגראָבענע רייען...
שפּרייט אַזאַ פרייד זיך
אַ ליכטיקע אוים:—
עס קומט שוין דער פרילינג,
דער ווינטער איז אוים,
און אַלץ וועט מיט גרינס זיך באַנייען...

אַ יום טוב אַ פרייער,
אַ שמחה, אַ פרייד
צעשפּרייט זיך אויף פעלדער און וועגן...
עס טראָגט אין דער לופט זיך
אַ הילכיק געקלאַנג,
דאָס ליד פונם פויער —
אַ האָפנונג-געזאַנג,
אַ תפילה פאַר טוי און פאַר רעגן...

דער ערשטער אויף שמחה
האָט פריידיק געטאַנצט
דער אַקער, דער אַלטער, דער שווערער
טיפער געגראָבן
און העלער געגלאַנצט
מיט ערד־שטיקער פעטע
געשפרונגען, געטאַנצט,
געשיינט האָט ער מערער און מערער...

און האָט שוין דער אַקער
זיין פרייד אויסגעטאַנצט
בלייבט ער אַ רואיקער שטייען;
נאָר איינער, דער פויער,
ער איז נאָך ניט פריי,
הויבט ער צו אַרבעטן אָן
ערשט אויפסניי —
ער מוז דאָך די פעלדער פאַרזייען...

פעלדער צעאַקערט,
פעלדער פאַרזייט,
פראַצעוועט שווער, ער האָרעוועט ביטער;
ער שאַרט מיט דער סאָפּע
צווישן די שטעגן,
זוכט אויפן הימל,
קוקט אוים אויף רעגן,
וועט ער זיין פריילאך, אַלס שניטער?...

פעלדער צעאַקערט,
פעלדער פאַרזייט
מיט ליכטיקע גאָלדיקע זאַנגען.
דער מאַן האָט צעבליט שוין
די קעפּלאך אין רויט,
זאַנגען געפילטע
מיט בשורות פון ברויט
צעקלינגען דעם שניטערס געזאַנגען......



דער פאַרמער

אַ בערדל אַ קליינס,
אַ ליולקע פון שטרוי,
אַ קאַפּעליוש איבער די אויגן,
ער פּיפּקעט די ליולקע,
ער פּיפּקעט אַזוי,
און קוקט אויף די רייען
באַזילבערט מיט טוי,
אויף פעלדער מיט גרינעם באַצויגן.

ברוין איז זיין פּנים,
שוואַרץ זיינע הענט,
זיין רוקן איז שלאַנק, ניט געבויגן,
ער פּיפּקעט זיין ליולקע,
ער האָט דאָך דערקענט
די זאַמען, וואָס ער האָט
פאַרזייט מיט די הענט,
זיי זיינען אין שטאַמען צעצויגן.

ברוין איז זיין פנים,
שווארץ זיינע הענט,
פעלדער צעאקערטע קאנען נים ריידן.
שטייט ער אזוי, ווי
פון מארמאר געהאקט,
הערט ער די אוגערקע
וואקסענדיק קנאקט —
דערציילט אים א מעשה באשיידן...

א מעשה פון קערנדלאך
טיף אין דער ערד
פארזייט אין צעאקערטע רייען
זיי האבן די רייען
די שווארצע צעפלאצט,
עס האבן זיך גרינינקע
גרעזלאך צעשפראצט
און וועלן די קערנער פון דארטן באפרייען.

נאָכן אַקער

שלעפּ דעם אַקער, שלעפּ, מיין פערד,
ריים אין שטיקער אויף די ערד.

נאָכן אַקער טריט ביי טריט,
גיי איך נאָך און הער אַ ליד.

אַ ליד פון קאָרן און פון שטרוי,
אַ ליד צום פערד וואָס דינט אַזוי.

שלעפּ דעם אַקער, ריים די ערד,
זע, עס שיינען שטיקער ערד.

פון דעם אַקער אייזנס שיין —
וועט אונז שפּעטער פריילאך זיין.

שלעפּ דעם אַקער, שלעפּ, מיין פערד,
העי, ווי פריש עס איז די ערד!

יעדער פרישער גראָבן ערד
האָט אַ רענדל דאָך די ווערם!

פייכטע שטיקער פעט פון טוי —
ווערט געראָטן ברויט און שטרוי,

וועל איך שפּרייטן אויף דער ערד
שטרוי פאַר קי און פאַר די פערד,

וועט אייך ווינטער וואַרעם זיין
וועלן מיר אַלע פריילאַך זיין!

שלאָף דעם אַקער, שלאָף, מיין פערד,
רוים אין שטיקער אויף די ערד.

FM

זומער

עס האָט זיך אין פעלד שוין דערהערט אַ געזאַנג
עס טראָגט זיך פון דאָרט שוין אַ גלאָקן-געקלאַנג,
עס האָט זיך דער אָקס שוין ניט איינמאָל צעברומט—
אַ זומער פרימאָרגן, ער קומט שוין, ער קומט.

עס הויבט זיך אַ פּאָרע אַרויף פון דער ערד,
עס הערט זיך אַ הירזשען, אַ טופּען פון פערד,
עס הויבן זיך זיילן פון שטויב שוין אַרויף,
עס טרייבט שוין דער פּאַסטוך זיין טשערעדע שאָף.

עס בלענדט דער פרימאָרגן מיט ליכט אָן אַ ברעג,
דאָס קעלבל שוין בריקעט, פאַרריסן דעם עק,
טאַנצט עס און מוקעט און דרייט מיטן קאָפּ,
דער לאָשעק, דער ברוינער, אַוועק אין גאַלאָפּ.

אין ליכט פונם מאָרגן די בלומען צעבליט,
פון איין בלום צו צווייטער די בין דאָרטן פליט
זויפט פון די בלומען דעם נעקטאַר און זומט —
אַ זומער פרימאָרגן, ער קומט שוין, ער קומט!



מאָרגנגליק

וואַכט, וואַכט, וואַכט,
שוין צעטיילט די נאַכט
האָט אַ בלויע פּראַכט:
אָפּגעזונדערט ווערט
הימל פון דער ערד
און דער באַרג, דער טאָל,
אַלעם מיט אַמאָל —
וואַכט!

גאָלד, גאָלד, גאָלד,
גאַנצע בונטן פאָלט
אויף דעם גרינעם וואַלד.
פון זיין גרינעם קאָפּ
פליסט דאָס גאָלד אַראָפּ
און עס שפּרייט זיך אויס
ווי די וועלט איז גרויס —
גאָלד.

שטיל, שטיל, שטיל,
שווייגט איצט אויך די גריל
בלויז אַ ווינטל קיל,
וואַנדערט אום אַזוי
און מיט פרישן טוי
זילבערט בוים און גראָז
און דערציילט זיי וואָס —
שטיל.

צווי, צווי, צווי, צווי.
גיט מיין האַרץ אַ צי:
טוט פון בוים אַ פלי —
ס'אַ פייגעלע אַוועק
ערגעץ וויַיט אַוועק:
קומט עס באַלד צוריק
זינגט פון מאָרגנגליק —
צווי.

מיר איז ליב דער רעגן

טראָפּנס· טראָפּנס, רעגן-טראָפּנס
מאַכט די ערד אונז פייכטער,
מאָרגן אויפן פעלד די אַרבעט
וועט אונז ווערן לייכטער.

נאָכן אַקער וועל איך מאָרגן
גיין דער זון אַנטקעגן,
טראָפּנס, טראָפּנס, רעגן-טראָפּנס —
מיר איז ליב דער רעגן.

טראָפּנס, טראָפּנס· רעגן-טראָפּנס,
מאַכט די ערד אונז פעטער,
יעדער טראָפּן וועט אַן אוצר
פאַר אונז ברייִנגען שפּעטער.

יעדער טראָפּן רעגנטראָפּן
איז אַ גאַנץ פאַרמעגן,
טראָפּנס, טראָפּנס, רעגנטראָפּנס —
מיר איז ליב דער רעגן.

בּרי מיך ליבּע זון

ברי מיך· ברי מיך, ליבע זון,
מיר איז ליב דיין בראָטן!
זאָל מיין פּנים ווערן ברוין,
זאָל מיין ברויט געראָטן

כ׳בין אַ גוטער באַלעבאָס:
צעאַקערט אַלע שטעגן,
כ׳האָב געמיסטיקט גוט דאָס פעלד,
כ׳האָב געהאָט אויך רעגן.

כ׳קום אַנטקעגן דיר אין פעלד
שטענדיק מיט געזאַנגען,
ברי זשע, ברי און בראָט און ברען·
פיל מיר אָן די זאַנגען.

כ׳בין ביים אַקערן ביים זייען,
וויינענדיק געגאַנגען
וועל איך שפּעטער פריילאך זיין
שניידענדיק די זאַנגען.

ברי מיך, ברי מיך, ליבע זון,
מיר איז ליב דיין בראָטן!
שיק זשע מיר דיין ברכה איצט
און זאָל מיין ברויט געראָטן.

נעקטאַר

אַ העלע בלום — ווייס אַרום
פּיאָלעט אינמיטן.
שלאַנק געוואַקסן איז די בלום
האָט אויף איר מיט זומזומזום
אַ יונגע בין געריטן.

זומזומזום, זומזומזום,
זינגט אַ ליד אַ רייטער,
זום — אַ זיפּ, זיפּ-אַ — זום,
זויפט זי נעקטאַר פון דער בלום
און פליט אוועק זיך ווייטער.

זומזומזום, זומזומזום,
טאָר קיין צייט פאַרלירן,
גרין און געל, רויט און בלוי
פאַרבן בלומען זיך אַזוי
אין אַלערליי קאָלירן

זומזומזום, זומזומזום,
אַזאַ נחת דאָרטן!
נעקטאַר זויפן אומעטום,
נעקטאַר האָט דאָך יעדע בלום,
יעדער בליט אין גאָרטן.

בינען און בלומען

זום,
זום־זום, זום־זום.
כ׳בין אַ בין,
בין, בין, בין,
כ׳פלי אַ הער
כ׳פלי אַ הין.
זום־זום, זום־זום,
זום!

בלומען פאַרבן זיך פאַר מיר
אין אַלערליי קאָלירן:
אָט שטרעקט אַ ווייסינקע
איר שטאָלצע קעפּעלע,
ווינקט מיט בלויען אויגעלע:
אַהער, אַהער!
פאַרגעס — מיך — ניט!

דאָרטן, אַ באַשיידענע
אַראָפּגעלאָזט איר קעפּעלע.
האָט פאַררויטלט זיך —
ס'האַרץ איז אַ צעכראַסטעטע
ביי איר. . .
קוקט זי נעבאכדיק מיך אָן —
ד י פּ י אָ ן.

אַזוי פיל שיינע רויזן
הויבן אָן די הערצלאך
צו אָנטבלויזן
און כריזאַנטעמען
האָבן זיך גענעמען
צעשוויבערן די קרויזן —
זום!

זום,
זום-זום, זום-זום,
אין בין אַ בין,
בין, בין, בין,
כ'פלי אַהער,
כ'פלי אַהין,
זום-זום, זום-זום,
זום!



אין פעלד

ווייט און ברייט אַ גרינע פעלד
מיט בלימלאַך שייניניקע.
אין פרייען פעלד, אין גרינעם פעלד
אַ שטוב — אַ קלייניניקע.

דער דאַך איז רויט און ווייס די ווענט
די פענצטער קלייניניקע,
אָפּגעפאַרבט אין ווייס און גרין
שטאַכעטן שייניניקע.

ניט ווייט אַ שטאַל, דאָרט שטייט די קו
מיט אירע קעלבעלאַך,
אפן דאַך פון שטאַל אַ נעסט —
אַ היים פאַר שוועלבעלאַך.

א געלער האָן שפּאַצירט אין הויף —
ער שפּאַנט און ברומט זיך אונטער,
פּערציק הינער שפּאַנען נאָך
מיט די קעפּ אַרונטער.

דער מאָרגן קומט, עס וועקט דעם הויף
דער געלער ש אַ נ ט אַ ק ל י ע ר,
קוקורעקו גוואַלדעוועט:—
ווער שטייט אויף אַ — פריער?!

צווי, צווי, צווי, צווי, אַרויס פון נעסט
שוין אַלע שוועלבעלאַך,
מו-מו, מו-מו, עס וועקט די קו
שוין אירע קעלבעלאַך.

דער מאָרגן קומט און הימל בלוי
צעפּליסט זיך אויף די שויבן,
הורו־הורו, עס טראָגט זיך שטיל
דאָס וואָרקען פון די טויבן.

קערנער פּיקן אפן הויף
טויבן אַלערליי —
בלויע, גרויע, גאָלדיקע
און טויבן ווייס ווי שניי.

לאַשאקל פאַרייסט דעם עק
און שפּרינגט אַ לוסטיקער,
קוועלט און זינגט דאָרט אפן בוים
אַ —— רויטברוסטיקער.



דאָס פערד געשפּאַנט שטייט פאַר דער טיר
ווי אַ שולדיקער —
ער בייט די פּיס, ער קלאַפּט און טופּט
אַן אומגעדולדיקער . . .

טופּעט פערדל מיט די פיס
און הויבט זיך אָן באַוועגן,
לויפט דער פויער שנעל אַרויס
און פאַרט דעם טאָג אַנטקעגן.

יאָגט דאָס פערד זיך אין גאַלאָפּ,
הויבט דעם שטויב אין זיילן
און ווען עס קומט פאַרנאַכט צוריק
דערקענט מען שוין פאַר מיילן.



דער זייגער

טיק טאַק, טיק טאַק,
קלאַפּט דער זייגער אפן וואַנט,
האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרפעלט
ווען איך הער, ער ציילט און ציילט,
אַזוי נעכטן, אַזוי היינט —
טיק טאַק, טיק טאַק.

טיק טאַק, טיק טאַק,
עס געפעלט מיר, עס איז שיין,
ס׳איז אין אים אַ גלעקל דאָ
קלינגט עס דאָרטן יעדע שעה,
כ׳קען עס אָבער ניט פאַרשטיין —
טיק טאַק, טיק טאַק.

טיק טאַק, טיק טאַק,
זאָגט מיין אָנקל, לאַכט מיך אויס —
יעדער טיק־טאַק שלעפּט אַרויס
אַ שטיקל טאָג פון זיינע יאָר
און מאַכט אים גרויער זיינע האָר
טיק טאַק, טיק טאַק.

טיק טאַק, טיק טאַק,
איך פאַרשטיי ניט דעם געדאַנק
כאָטש מיין מאַמע זאָגט: ס'איז קלאָר,
עס באַוועגט זיך דאָרט אַ האָר,
ציט און שאַפט דעם זייגערס גאַנג —
טיק טאַק, טיק טאַק.

פרימאָרגן

סאָניין

מאָרגן, פרימאָרגן,
דער מזרח נעמט וואַרפן
אַ זון שטראַל אַ שאַרפן
אויף טויאיקע בלעטער
און גרינער זיי פאַרבן,
און מאַכן זיי שטייפער.

אדערלאך נעמען די בלעטער צעשטרייפן,
נעמען פון זון זיך די אדערלאך שטייפן,
און אונטער די בלעטלאך, די גרינע, פאַרבאָרגן
וועבט אין דער שטיל זיך אַ נייער פרימאָרגן.
אַ נייער פרימאָרגן —
אין קנאָספן פאַרבאָרגן...

אַ קנאָספּ איז אַן אָנהויב,
אַ קנאָספּ איז אַ מאָרגן,
ליגט דאָרט אַ וועלט אינ׳ם
אָנהויב פאַרבאָרגן!...
ווערן די קנאָספּן אַלץ מערער און מערער,
ווערן די צווייגן אַלץ שווערער און שווערער...

אונטער דער משא, די צווייגן, געבויגן,
בלענדן מיט ליכטיקן גרין פאַר די אויגן,
און איבער די בוימער און צווישן די צווייגן,
אַ הילכיקע פרייד נעמט אַלץ שטייגן און שטייגן,
טשיר-טשיר און צווי-צווי, צווי-צווי און טשיר-טשיר!
ווי ליכטיק, ווי גוט און ווי וואויל עס איז מיר!

פון צווייגל אויף צווייגל
געטאַנצט און געשפּרונגען,
זיי וויגן די צווייגלאך
און זינגען און זינגען,
און פּישטשען און וואַרקן
און טשירקן און שרייען:

אַ וועלט האָט צעטאַנצט זיך
אין מאָרגן אין פרייען!
דער אָדלער, די טויב, און דער
וועוורק נעמט שפּרינגען,
עס האָט אויך די בין שוין
איר זמר צעזינגען...

אַ ליכטיקער מאָרגן
מיט פרייד איז געקומען,
די אַרבעטער בין האָט
די פליגלען צענומען,
זי שווימט מיט איר זמר
און זויפט פון די בלומען.

זי ברייננגט זיי די פאולין
און זויפט פון זיי נעקטאר,
די זאַפט פון די בלומען,
פון גראָז און פון בלעטער,
זי שאַפט דערפון האָניג
פאַר איצט און פאַר שפּעטער...

די אויגלאך צעעפנט, אזוי ווי צעשראָקן,
אַ ווארף מיטן קעפל, צעטרייסעלט די לאָקן,
גיט סאָני מיט אימפּעט אַ וואַרף זיך אין גראָז,
ער ווייסט ניט פאַר ווען און ווייסט ניט פאַרוואָס,
אזוי ווי דער וועווריק דאָרט
שפרינגט ער אין גראָז...



* * * * * *

האָט סאָני געטאַנצט און געשפּרונגען
אַזוי ווי דער וועוריק אין גראָז,
שוואַרץ שוין געוואָרן זיין פּנים,
ברוין שוין געוואָרן זיין נאָז...
נאָר סאָני איז אויך דאָך אַ קנאַספּל,
און צייטיגט ווי יונגינקע גראָז...

דער מזרח נעמט וואַרפן
אַ זונשטראַל אַ שאַרפן
אויף סאָני׳ס ווייס הענטל
און ברוינער עס פאַרבן,
און מאַכן אים רייפער,
די מוסקולן שטייפער.

די אויגלאַך צעעפנט, אַזוי ווי צעשראָקן,
אַ וואָרף מיטן קעפּל, צעטרייסלט די לאָקן,
טרינקט סאָני מיט אימפּעט די לופט און די שיין,
ער זופּט פון דעם מאָרגן,
ווי אַ שכור פון וויין,
אַ געזונט אין די יונגינקע ביינער אַריין...

אויפן שיפל

בויג זיך, שיפל, בויג זיך· בויג,
וויג די וועלט איצט פאַר מיין אויג,
לאָזט נאָך זיך אַ ווייסן וועג —
ווייסן שוים פון ברעג צו ברעג.
וויגסט די פעלזן נעבן ברעג
בויגסט דעם הימל־זוים צום תהום,
הויבסט דעם תהום צום הימל-זוים,
שווינדלט· שווינדלט, פאַר מיין אויג.
מיט דיין יעדן שטאַרקן בויג
גיט פאַר מיר די וועלט אַ נויג.
בויג זיך, שיפל, בויג זיך, בויג.



בלאָזט אַ ווינטעלע אַזאַ

קומט דער אוונט, שטיל און שאַ,
בלאָזט אַ ווינטעלע אַזאַ.
בלאָזט עס, בלאָזט עס, „וואו-וואו-וואו“
מאַכן מאַמעס טירן צו

שפּילן קינדער אַפן גאַס:
שמערל, צימבל, יאַנקל באַס,
קלאַפּן, צימבלען: טראַלאַלאַ!
בלאָזט אַ ווינטעלע אַזאַ.

פונם פענצטער שטרעקט אַ קאָפּ,
מאַמע שרייט פון דאָרט אַראָפּ,
שמערל יאַנקל, קומט אַריין!
בלאָזט דאָס ווינטל „וואו“ אַריין.

שטרעקט איר קאָפּ פון צווייטן הויז
אויך אַ מאַמע דאָרט אַרויס:
עטל, שיינדל, קומט אַריין!
בלאָזט דאָס ווינטל „וואו" אַריין.

מאַמע דאָ און מאַמע דאָרט
בייט זיך איבער מיט אַ וואָרט:
ווייסט? די שכנה... כאַ-כאַ-כאַ!
בלאָזט אַ ווינטעלע אַזאַ.

כאַפּן חברה אויף אַ וואָרט,
וואָס די מאַמעס רעדן דאָרט·
צימבלען, קלאַפּן: טראַ-לאַ-לאַ!
בלאָזט אַ ווינטעלע אַזאַ.

פאַרן שטורם

קנייטשט זיך אַלץ דער הימל
ווײַנען דאַכט זיך וויל ער.
נאָר ער שטיקט די טרערן
אין זיך שטילער, שטילער...

אַלץ אַרום איז רואיק
הערסט דעם ווינט ניט בלאָזן
זעסט דעם ווינט ניט קרײַזלען
אפֿן פֿעלד די גראָזן.

זעסט קיין וועל ניט שלאָגן
אינם ים פֿון זאַנגען,
און מיט שווערע וואָלקנס
איז די זון פֿאַרהאַנגען

און פֿאַרגליווערט בלײַבן
אפֿן שטאָם די צווײַגן
און די פֿרײַע פֿייגל
אַלע שווײַגן, שווײַגן...

און קיין שאָרך פֿון בלעטל
הערט זיך פֿון די בײַטן
בלויז דער שטויב פֿאַר מורא
הויבט זיך פֿון דער ווײַטן.


140

אין ליכטיקן רוים

די בלויקייט ווערט העלער און טיפער,
אין ליכטיקן רוים,
גרינער די ברויזיקע כוואַליעס,
וואָס שפּריצן מיט שוים,
און איך אויף די ריזיקע פליגלען דערהויבן,
געטראָגן,
פאַרטראָגן,
אַלץ ווייטער, אַלץ העכער, אַלץ טיפער אין רוים.

בלויקייט און זונשיין זיך מישן און בלענדן,
אַזוי ווי די פאַרבן פון האַלדז ביי אַ טויב,
און איך אין דער טיפקייט,
דער גאלדיקער-בלויער,
אַ פינטל אַ גרויער,—
אַ פינטעלע שטויב.
אַמאָל ווי אַן אָדלער, וואָס יאָגט זיך נאָך רויב,
אַמאָל אַ שליח פון בשורות — אַ פרידלאכע טויב.

שטיל לעבן

פון ווייטן הויבט דאָרט שטאָלץ זיין קאָפּ
אַ הויכער, גרינער באַרג,
פאַר'עקשנ'ט האָט ער זיך דעם הימל צו דערגרייכן,
און אונטער אים דאָס פעלד —
אַ ברייטער, גרינער שלעפּ צעוואָרפן,
אַרומגעזוימט ביים ברעג
מיט אַ העלן אָרנאַמענט —
אַ טייכעלע אַ בלייכן.

רואיק ליגט דער טייך, אַ שיינענדער, אַ גלאַטער,
ער שפּיגלט טיף אין זיך די בלויקייט פונם הימל אָפּ,
נאָר ווען ניט ווען, כאַפּט פון דער מיט אַ פישל זיך אַרויס,
אַ קעפּל ווי אַ שפּילקע קאָפּ די גרויס.

שווימט פון אָרט און לאָזט נאָך זיך צוויי פאַלדן איבער גאָר
דער ברייט,
פאַר די אויגן ווערט אַ זילבער פאַרהאַנג אויסגעשפּרייט
און די שאָטנס פון דיביימער ארום ברעג,
היינגען איבער אים ווי גרינע קוטאסן אַראָפּ.



אַ ווייסער שוואַן

ווי דער הימל קלאָר און בלוי
ציט דער טייך אונענדלאך זיך אזוי,
און מיט זיין לאַנגען, דינעם, ווייסן האלדז
אויסגעצויגן
און פארבויגן
ווי אַ פראגע צייכן
אין דער ווייטער וועלט אריין
שווימט אזוי
אויף דעם גלאטן, נאסן בלוי —
א ווייסער שוואן.

דער ווייסער שוואַן איז ערגעץ ווייט פון אויג פאַרשוואונדן
ווען די זון אינמיטן טייך האָט אַ פייער פלאַם צעצונדן,
אַ פרייד, אַ ליכטיקע האָט אויף דער בלויקייט זיך צעשפּרייט.
באַמערקבאַר קוים,
האָט געגומען שפּריצן דינער שוים.
און מיט די רייכסטע פאַרבן פון דעם רעגנבויגן
האָט גענומען בלענדן פאַר די אויגן.

אָבער ניט אויף לאַנג האָט די פרייד געדויערט,
טיפער אינם תהום, האָבן כוחות שוין געלויערט
און גענומען האָבן ברויזנדיקע כוואַליעס יאָגן.
די פייערדיקע פליסיגקייט
געוואָרפן
און געוויגט,
ביז די בלויקייט האָט דעם פייער פלום באַזיגט.
ווידער איז די בלויקייט פונם טייך הימלדיק געוואָרן
און ווען דער ווייסער שוואַן האָט צוריקגעקערט פאַרנאַכט
האָט ער אַלץ מיט זיך דעם ווייסן פראַגע צייכן מיטגעבראַכט.

אינהאלט

צעאקערטע פעלדער — 7
דער פארמער — 11
נאכן אקער — 13
זומער — 16
מארגנגליק — 19
מיר איז ליב דער רעגן — 22
ברי מיך ליבע זון — 24
נעקטאר — 26
בינען און בלומען — 28
אין פעלד — 31
דער זייגער — 36
פרימארגן — 38
אויפן שיפל — 44
בלאזט א ווינטעלע אזא — 45
פארן שטורם — 47
אין ליכטיקן רוים — 49
שטיל לעבן — 51
א ווייסער שוואן — 54

ליבאָר וואָירלד פּרעס
508 סאוט קעדזי עוועניו
שיקאַגא, איל.
379